# רשימות
# דברות קודש

ח"י טבת
ה'תשפ"ב

רשימה שאינה מוגהה
על-ידי אחד התלמידים המקשיבים
לתועלת תלמידי הישיבה

זה השער לד'
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## ממונקאטש

בהיכל ישיבתינו הקדושה

**ישיבת יודעי בינה מונקאטש**

ביומא דהילולא קדישא
של כ"ק מרן אדמו"ר בעל בני יששכר זי"ע

**ח"י טבת שנת ה'תשפ"ב**

הוצאת אמרתי
אור תורה מונקאטש

ברוקלין, נוא יארק
חודש טבת ה'תשפ"ב

# רשימות
# דברות קודש

ח"י טבת
ה'תשפ"ב

יוצא לאור על ידי:
**הוצאת אמת**
אור תורה מונקאטש
מכון להו"ל ולהפיץ
ספרי רבותינו הקדושים

Published By:
**Emes Publishing Inst.**
Ohr Torah Munkacs
P.O.B. 393
Brooklyn, New York 11219
**T:** 347.408.5208
**F:** 718.504.3526
**W:** www.minkatch.org
**E:** EmesOnline@gmail.com

כל הזכיות שמורות ל:
**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2021 by:**
**Emes Publishing Inst.**
All rights reserved to publisher
The entire text has been newly
edited designed and set.
No part of this book may be
reproduced in any form,
including information storage
or retrieval, in whole or in part,
without written permission

# ח"י טבת ה'תשפ"ב

**חשוב'ע ראשי ישיבה, הייליגע תלמידים!**

## שייכות ח"י טבת לשבט יששכר

**עטס** ווייסטס אוודאי, אז דער גרעסטער תלמיד פון אר"י הקדוש זי"ע, איז געווען דער הייליגער רבינו חיים וויטאל זי"ע. ער איז געווען דער שרייבער פון כמעט אלע כתבי האר"י וואס מען פארלאזט זיך אויף זיי. איינע פון די כתבים וואס איז דא פון רבי חיים וויטאל, איז א ספר החזיונות, וואס ער פאראייביגט דארט זיינע מאורעות, וואס איז געשעהן מיט איהם, און וואס ער האט געזעהן, דבר יום ביומו.

**א** חשוב'ער יונגערמאן האט מיר געוויזן היינט צופרי פארן דאווענען, אז רבי חיים וויטאל שרייבט דארט אין דעם ספר החזיונות, אויף דעם היינטיגן טאג - ח"י טבת, מיט דעם לשון (חלק ב - חלומות שחלמתי): ובי"ח לטבת בזה השבוע, חלמתי גם כן חלום ארוך כנזכר, ואיני זוכר אם ראיתי בעיני לישכר בן יעקב, או אם הייתי דורש בעניניו סודות נפלאים בלבד. אין דעם טאג ח"י טבת, זאגט רבי חיים וויטאל, האב איך געזעהן אין א לאנגער חלום, יששכר דער זוהן פון יעקב אבינו. נאר, ער איז נישט זיכער וויאזוי פונקטליך ער האט איהם געזעהן. צו ער האט געזעהן יששכר אליינס, בגוף וברוח ובנפש ממש, אדער ער האט גע'דרשנט איבער יששכר וואונדערליכע סודות, וואס דערפאר איז געווען ווי גלייך ער האט געזעהן יששכר.

**יהיה** איך שיהיה, פאר אונז היינט דא איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה אין וועלכע מדריגה רבי חיים וויטאל האט געזעהן ישׂשכר אין דעם טאג ח"י טבת, צי ער האט איהם געזעהן בפועל אליינס, צי ער האט איהם געזעהן דורך זיינע דרשות און תורות. אבער די לימוד דערפון איז זייער אינטערסאנט, אז דער טאג ח"י טבת איז נישט סתם א טאג, נאר דער טאג מוז האבן א קשר מיט ישׂשכר און זיין שבט, וואס צוליב דעם האט רבי חיים וויטאל פארצייכנט אז ער האט געזעהן ישׂשכר פונקט אין דעם טאג.

**אויב** אזוי, איז נישט קיין פערצופאל אז אינעם טאג ח"י טבת איז דער יארצייט פון כ"ק אא"ז אדמו"ר בעל בני ישׂשכר זי"ע. ווייל מיר אלע ווייסן דאך, פון דעם באזונדערע קשר וואס דער הייליגער בני ישׂשכר זי"ע האט געהאט צו שבט ישׂשכר, וואס צוליב דעם האט ער א נאמען געגעבן זיין ספר "בני ישׂשכר" (ראה יודעי בינה בהקדמת המחבר, שו"ת מנחת אלעזר חלק ה - ליקוטי תשובות סימן ה, בית שלמה מאמר ראש צורים הערה א). און דערפאר, זעהט זיך אויס, איז דא א ספעציעלע באדייט אז זיין יומא דהילולא זאל זיין דוקא אין דעם טאג ח"י טבת. ווייל עס איז געוויס דא א באזונדערע שייכות צווישן שבט ישׂשכר און דער טאג ח"י טבת, עד כדי כך אז דער הייליגער רבי חיים וויטאל האט אין דעם טאג געזעהן דער ראש פון שבט ישׂשכר.

## "וירד משה מן ההר אל העם"

**כלל** ישראל האט במשך אלע דורות געהאט אסאך צדיקים. אבער יעדע בחור דארף האבן די ידיעה, צו וויסן און פארשטיין וואס איז נתחדש געווארן נאך די תקופה פון הייליגען בעל שם טוב ותלמידיו זי"ע, אין דעם באגריף פון א צדיק, א מנהיג ישראל, איינער וואס לערנט תורה מיט אידישע קינדער.

**די** אלע פריערדיגע צדיקים זענען געווען גאר הייליג - ווי מלאכים, וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן דעם אויסדריק (שבת קיב, ב) "הראשונים כמלאכים". אבער אזוי ווי א מלאך איז גאר ווייט פון א מענטש, און א מענטש קען נישט זעהן קיין מלאך, אזוי זענען רוב פון די הייליגע צדיקים, לפי מדרגתם, געווען אנגעבינדן בעולמות העליונים, גאר ווייט פון סתם אידן. און כאטש

זיי האבן פון דארט אויך משפיע געווען, זענען זיי אבער בדרך כלל געווען זייער דערווייטערט פונעם ציבור, און די המון עם האט נישט געהאט מיט זיי א פנימיות'דיגער קשר און נאנטער שייכות אויף זייערע פערזענליכע ענינים.

**און** כאטש אז מיר ווייסן אז יעדע דור וואס איז ווייטער פון הר סיני, ווערט שוואכער אביסל, און עס איז דא א ירידת הדורות, איז אבער נאך די תקופה פון הייליגען בעל שם טוב זי"ע נתחדש געווארן א גרויסער ענין. אז זייער אסאך צדיקים - גם לפי רוב קדושתם ומדריגתם, זענען געווען זייער נאנט צום ציבור. זינט דאן האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה, וואס צדיקים, רבי'ס און מנהיגי הדור, זענען געווארן מער מקושר מיט זייערע תלמידים און חסידים.

**ממילא,** וואס פאר אונז איז נוגע, איז נישט אריינצוקלערן ווי גרויס די תלמידי הבעל שם טוב הקדוש זענען געווען, ווי גרויס דער הייליגער רבי ר' אלימלך איז געווען, צי דער הייליגער רבי ר' זושא, צי אלע אנדערע גרויסע צדיקים, ווייל דאס קענען מיר ממילא נישט מעסטן. וואס איז יא נוגע זיך צו לערנען, איז ווי נאנט די צדיקים זענען צו אונז, און צו פארשטיין די קשר פון א צדיק מיט דעם חסיד. מען דארף אפלערנען ווי נאנט דער צדיק לאזט זיך אראפ צום פאלק, אין א בחינה פון (שמות יט, יד) וירד משה מן ההר אל העם. אז פונקט ווי משה רבינו נאך די מעמד הר סיני, ווי ער האט דערגרייכט די אלע הויכע מדריגות, האט ער גראד אראפגענידערט און גלייך געגאנגען צום פאלק זיך אפצוגעבן מיט זיי (עיין חיים ושלום פרשת ויתרו ד"ה מן ההר אל העם), אזוי אויך פון דער בעל שם טוב הקדוש און ווייטער, האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה. דער צדיק דערנידערט זיך צו זיין נאנט צו זיינע תלמידים וחסידים ווי א רועה צאן. ווי א פאסטוך וואס פאשעט זיינע שעפעלעך, אזוי גייט דער צדיק זיי נאך, ער רופט זיי, ער איז זיי מדריך.

**אין** די פריערדיגע צייטן, אז א איד איז אריין צו א רבי'ן, איז דאס בעיקר געווען ווייל ער האט געוואלט הערן און מקבל זיין תורה. אבער מימי הבעל שם טוב הקדוש ותלמידיו האט זיך אנגעהויבן א נייע סדר - וואס מיר ווייסן נישט אז עס איז געווען אזוי פריער - אז א איד האט געקענט אריינגיין צו זיין רבי'ן און איבערשמועסן אלע זיינע פראבלעמען. דער חסיד האט געגעבן א קוויטל צו זיין רבי'ן, וואס אין דעם האט ער אריינגעשריבן "איך האב ליידער נישט קיין פרנסה", "איך דארף א שידוך טוהן מיט קינדער און עס גייט

נישט אזוי גרינג", צי מען האט קינדער וואס זענען ל"ע נישט געזונט, און אזוי ווייטער. און דער צדיק איז אראפגעקומען פון זיינע הויכע מדריגות ווי ער איז געווען, און ער האט זיך מייחד געווען מיט יעדן מענטש, מיט זיינע פערזענליכע דאגות. ווייל דער רבי לאזט זיך אראפ, "וירד משה מן ההר אל העם", ער באפאסט זיך מיט צרכי עמך ישראל, מיט וואס יעדער יחיד דארף.

**אזוי** אויך ביי א בחור וואס וויל מצליח זיין. א בחור וואס איז גרייט אוועקצולייגען אסאך יארן אויף תורה, לכל הפחות ביז ער האט חתונה, אדער אפשר גאר וויל ער מקדיש זיין כל ימי חייו צו תורה, און ער מוטשעט זיך דערמיט. אדער ער האט א שוואכן קאפ און ער דערהייבט נישט דעם תוספות. גייט ער אויף אן עצה און הדרכה צו א רבי'ן און א צדיק.

**נאך** מער, עס זענען דא מענטשן, כדוגמותינו - וואס זעהן אויס אזוי ווי אונז, וואס זינדיגען, מן הסתם באונס - קיינער וויל נישט ברצון און במזיד, נאר דער יצר הרע האט א שליטה, און ער איז מכשיל מיט עבירות. אדער אפילו ווען ער איז נישט מכשיל מיט עבירות ממש, פארדרייט ער די קאפ - אז ווען מען האלט אינמיטן א תוספות קריכט אריין אין קאפ נישט קיין גוטע מחשבות. אויך אויף דעם איז אייגעפירט געווארן פון די צייטן פון תלמידי הבעל שם טוב, אז מען גייט צו א רבי'ן בעטן א דרך חיים ותוכחות מוסר.

## "חזר ומנאן במיתתן"

**דאס** איז אבער לכאורה נאר כל זמן דער צדיק איז ביים לעבן. ווייל ווען ער איז בהאי עלמא, קען מען קלאפן אויף זיין טיר, שרייבן א קוויטל, און אריינגיין צום רבי'ן זיך דורכרעדן אלעס וואס מען דארף. אבער ווען א צדיק איז שוין נישט דא אויף די וועלט, ער איז שוין בגן עדן העליון, קען מען דאך לכאורה מער דאס נישט טוהן.

**אבער,** עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה (שמות א, א): "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה וגו'". די תורה רעכנט אויס אלע נעמען פון אלע שבטים וועלכע זענען אראפגעקומען מיט יעקב קיין מצרים. רש"י הקדוש

איז מפרש (ד"ה ואלה): "אף-על-פי שמנאן בחייהן בשמותן" - כאטש די תורה האט שוין אויסגערכנט זייערע נעמען ביים לעבן, בשעת זייער נידערן קיין מצרים, פונדעסטוועגען "חזר ומנאן במיתתן" - ציילט זיי די תורה נאכאמאל בשעת מען רעדט שוין פון "וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא" - ווען די שבטים זענען שוין אין גן עדן. פארוואס? "להודיע חבתן" - צו ווייזן זייער ליבשאפט וכו'.

**קען** מען אפלערנען די ווערטער פון רש"י לענינינו אויף דעם אופן: אז אפילו ווען עס איז "במיתתן" - עס איז א טאג פון א יארצייט און דער צדיק איז שוין מער נישט דא מיט אונז אויף די וועלט, פונדעסטוועגען איז "להודיע חיבתן" - דארפן מיר וויסן אז די זעלבע חיבה און כח וואס א צדיק האט געהאט ביים לעבן איז אויך דא לאחר פטירתו. ווייל א צדיק טוט בעולם העליון, די זעלבע וואס ער האט געטוהן דא אויף די וועלט. ער בעט ווייטער פאר אידן, און ער בלייבט נאנט צו די וואס זענען אנגעבינדן צו איהם, און ער איז זיי ווייטער מדריך.

**און** פונקט ווי ביי זיין לעבן האט מען געקענט קלאפן אויף זיין טיר, אזוי אויך היינט קען מען קלאפן ביים טיר פון הייליגען בני יששכר: רבי איך ברויך א ישועה! רבי איך דארף אן עצה! א תפלה! א קאפיטל תהלים!

**"לאחר** מיתתן" האט זיך גארנישט געטוישט. ווייל "להודיע חיבתן", אז פונקט אזוי ווי בחייהן האט מען געקענט צוקומען צו איהם, און ער האט ארויסגעוויזן זיין נאנטשאפט און ליעבשאפט צו יעדן איינעם, אזוי איז אויך לאחר מיתתן. אפשר קען מען עס נישט זעהן מיט די אויגן, אבער אמונה איז שטערקער ווי דאס וואס מען זעהט מיט די פליישיגע אויגן.

**מיר** זענען נישט קיין רבי חיים וויטאל אז מען זאל קענען זעהן דעם צדיק בפועל לאחר מיתתו, און זיך מצייר זיין דעם דמות פונעם צדיק וואס איז שוין נתעלה געווארן כמלאכי עליון, אז מען זאל איהם קענען זעהן פונקט ווי בחיים חיותו. אבער וואס קען מען יא, איז אזוי ווי דער אנדערע אופן וואס רבי חיים וויטאל האט געזעהן יששכר - דורך דעם וואס ער האט זיך פארטיפט אין זיינע תורות. דאס קענען מיר דאך אויך, דורך לערנען די הייליגע ספרים פונעם בני יששכר. ווייל אז מען וועט לערנען - וויפיל מען

קען לערנען, און פארשטיין וויפיל מען קען פארשטיין - וועט עס זיין כאילו מען זעהט דעם צדיק און מען שטייט פאר איהם. און עס איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה "אם ראיתי בעיני לישׂשכר בן יעקב, או אם הייתי דורש בעניניו סודות נפלאים בלבד". סוף כל סוף זעהט מען דעם צדיק, און עס איז כאילו מען שטייט פאר איהם. און בפרט אז צו דעם קומט אויך צי, אז ווען מען לערנט א ספר פון א צדיק איז מען דאך מעורר זיין נשמה, און ער וועקט זיך אויף [ווי די גמרא זאגט (יבמות צז, א) כל תלמיד חכם שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות בקבר", און רש"י איז מפרש (ד"ה שיאמרו) אז דורכדעם שאקלן זיך די ליפן אין קבר "כאילו חי"], און ממילא קען מען ממש נענטער צוקומען צו איהם און פועל'ן וואס מען דארף, א ישועה בכל ענינים.

**מען** קען דא זיצן אין מאנסי, און זיין מקושר מיטן הייליגען בני יששכר. כאטשיג דער הייליגער בני יששכר איז שוין בעולמות עליונים אין גן עדן, און זיין גוף ליגט אין די שטאט דינוב אין פוילן, און מיר זיצן דא ווייט אוועק, אבער אז מען לערנט זיין הייליגע תורה, איז עס פונקט ווי מען וואלט נאנט געשטאנען פאר איהם. דאס איז די כח פון צדיקים. "להודיע חיבתן - לאחר מיתתן". פונקט ווי בחייהם האט מען געקענט צוקומען צום צדיק, זעהן דעם צדיק, און אלעס פועל'ן ביי איהם, אזוי איז אויך "לאחר מיתתן".

## משנתו הטהורה של הבני יששכר

**וויפיל** בני יששכר יעדע איינער פון ענק האט שוין געלערנט, ווייס איך נישט. מסתמא האט שוין יעדער עפעס געלערנט. אבער אז מען זיצט דא היינט ביי א מסיבה וואס מיר האבן די זכיה צו מאכן לכבוד די יומא דהילולא פון כ"ק אא"ז אדמו"ר בעל בני יששכר זי"ע, איז כדאי זיך אביסל מתבונן זיין וואס איז די אייגענארטיגקייט פון די תורה פונעם הייליגען בני יששכר אין זיין ספר? ווייל פונקט ווי יעדע 'מסכת' אין ש"ס האט זיין לימוד וואס עס לערנט אונז, אזוי אויך האט יעדע הייליגע ספר זיין באזונדערע לימוד. דארפן מיר וויסן וועלכע לימוד לערענט מען פונעם

ספר בני יששכר? וואס איז אן עיקר וואס ער האט אויפגעטוהן אין זיין ספר און אונז געלערנט?

**איינע** פון די לימודים וואס דער בני יששכר לערנט איז: אז סתם אזוי האט מען געוויסט אז דאס יאר איז איינגעטיילט אין וואכעדיגע טעג - וואס האבן נישט קיין ספעציעלקייט, און אין הייליגע טעג - ווי שבתים וימים טובים און אזוי ווייטער. אבער רבינו בעל בני יששכר זי"ע לערנט אונז אז יעדע טאג און יעדע חודש האט איר באזונדערע מעלה און מהות. אין זיין ספר "בני יששכר" הייבט ער אן דורכצוגיין דאס יאר מיט חודש ניסן, און אזוי לערנט ער אפ דאס גאנצע יאר כסדרן, חודש נאך חודש, ראש חודש און שבת, יום טוב נאך יום טוב, ווי ער איז מסביר די מהות און מציאות פון יעדע זמן.

**על** פי רוב בויט ער אט די יסודות פון זיין ספר אויף די ווערטער פון ספר יצירה, די ערשטע ספר וואס עס איז דא, וואס לויט א מסורה און קבלה, האט דער באשפער דאס געגעבן פאר אדם הראשון - ווי אזוי די וועלט איז באשאפן געווארן, בעולם בשנה ובנפש, און וואס דער אויבערשטער האט געטוהן עס זאל זיין א וועלט. בפשטות, אז מען לערנט אליינס דעם ספר יצירה, קען מען דאס נישט פארשטיין. די ראשונים, ווי דער ראב"ד און דער רמב"ן, ועוד, האבן זיך געפלאגט יעדער אויף זיין דרך, מסביר צו זיין דעם ספר יצירה. אויך דער הייליגער בני יששכר איז מבאר דעם הייליגן ספר, וויאזוי און מיט וואס דער באשעפער האט באשאפען יעדע חודש און זמן. דער בני יששכר זי"ע איז דאס מפרש אויפן חסידי'שן אופן, און אויף דעם בויט ער און שטעלט אוועק די יסוד און ענין פון יעדע איינציגע חודש, און וויאזוי דאס איז נוגע פאר אונז בדרך עבודה וחסידות.

**און** אז מען לערנט דעם ספר, כמעט ווי עס קומט אויס אז יעדע חודש און יעדע טאג אין יאר האט א באזונדערע חשיבות, א באזונדערע מהות און מציאות, וואס מען קען אויף טוען נאר יענע טאג און אין יענע חודש. עס איז נישט דא קיין סתם פשוט'ע וואכעדיגע טעג. יעדעס איינציגע טאג איז א באזונדערע טאג, וואס אין דעם טאג קען מען אויפטוהן א באזונדערע מדה און מעלה.

[**כאן** למד אתנו רבינו שליט"א וביאר מה שכתב רבינו זי"ע בספרו בני יששכר על חודש טבת (מאמרי חדשי כסלו טבת מאמר יד אות ב) ש"אתחלתא דפורענותא היה בחודש הזה דייקא, ולא לחנם הוא, והנראה דהנה החודש הזה מיוחס לשבט דן אשר בהם היה התחלת עבודה זרה פסל מיכה כידוע (שופטים יח, ל), וגם על פי הנשנה במשנתינו בספר יצירה (פ"ה מ"י) המליך אות ס' ברוגז וצר בו וכו' וטבת בשנה וכו', על כן בעת הרוגז, אירע בזה החדש, סמך מלך בבל (יחזקאל כד, ב), וצר על החומה אשר היה סביב בדמות אות סמ"ך".]

## "כל זמן שאחד מן השבטים קיים לא היה שעבוד"

**יעצט** למעשה. עטס זענטס אלע יונגע בחורים. אפילו עס איז אויך דא תלמידים פון ישיבה גדולה - פונדעסטוועגן זענט עטס דאך נאך אלטס יונג. די עתיד ליגט נאך פאר ענק. וויפיל מען וועט וואקסן, וויפיל מען וועט נאך שטייגען, דאס איז תלוי אין יעדן איינעם לויט זיין רצון, לויט זיין חשק, לויט זיין יראת שמים. עס איז תלוי אין זיינע מדות, אין זיין קדושה, אין זיין טהרה, און ווי אזוי ער פלאגט זיך דערויף. לפי די אלע זאכן, וועט דער אויבערשטער העלפן, אז מען וועט קענען אויפוואקסן זייער גרויס.

**וויפיל** תועלת מען וועט האבן אין דעם טאג ח"י טבת, מיטן כח פון הייליגען בני יששכר זי"ע, ווענדט זיך אויך אין יעדן יחיד. וויפיל ער גלייבט דערין, וויפיל אמונה ער האט דערין, וויפיל אמונת צדיקים ער האט בכלל. וויפיל ער האלט ביי טוהן צו דעם, זיך מקשר זיין צום צדיק, אזוי פיל וועט דאס איהם זיין א תועלת כל ימי חייו.

**אויך** צו דעם קען מען נעמען א לימוד פון די ערשטע פסוק אין די היינטיגע סדרה: "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו". עס איז שוין געווען "לאחר מיתתן", קיינער פון די שבטים האבן שוין מער נישט געלעבט. אידן זענען געווארן פארזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, זיי זענען געווען קנעכט, מען האט זיי געפייניגט אין מצרים, לפי פשוטו של מקרא "ארבע מאות שנה" (שמות יב, מ-מא, ועיין רש"י שם ובעוד מפרשים). זיי זענען געווען אין אסאך א טיפערע גלות וואס אונז זענען יעצט, ווי עס שטייט

אין אר"י הקדוש, אז דער אויבערשטער וואלט געווארט נאך איין מינוט אין מצרים אויף די גאולה, וואלטן כלל ישראל פארפאלן געווארן און געבליבן אין גלות. אזויפיל טומאה און זוהמא, כישוף און צרות איז דארט געווען אין מצרים. אבער כאטש זיי זענען געווען בעומק הגלות, און זיי זענען געווען בשפלות, געארבעט ביום ובלילה, האבן זיי אייביג געדענקט "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו", פון ווי זיי קומען און פון ווי זיי שטאמען. זיי האבן געדענקט אז זיי זענען קינדער פון יעקב אבינו. דאס איז געווען זייער כח און זכות זיך צו האלטן אין גלות מצרים.

**רש"י** ברענגט ווייטער אין די פרשה (ו, טז) אז "כל זמן שאחד מן השבטים קיים, לא היה שעבוד". מען קען זאגען לענינינו, אז כל זמן וואס עס איז געווען א איד וואס ביי איהם האט נאך געלעבט איינע פון די שבטים, האט זיך נישט אנגעהויבן די שעבוד. כל זמן עס איז נאך געווען א איד וואס האט נאך געקענט יוסף הצדיק, צי ער האט געקענט אנדערע קינדער פון יעקב אבינו, ער האט געזעהן זייער צורה, זייער דמות איז געשטאנען פאר זיינע אויגן, איז וויפיל מען האט זיי געפייניגט, וויפיל מען האט זיי געשלאגען, זענען זיי נישט געווארן משועבד.

**און** אפילו שפעטער, ווען זיי זענען שוין געווארן מער און מער פארזינקן אין גלות מצרים, האבן זיי געקענט קלענער מאכן דעם שעבוד, דורך דעם וואס זיי האבן זיך געטוהן דערמאנען "איך בין א קינד פון יעקב אבינו". אז מען האט געדענקט פון ווי מען איז אנגעקומען קיין מצרים, "הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו", און אז מען האט זיך פארגעשטעלט פאר די אויגן ווי אזוי עס האבן אויסגעזעהן די הייליגע שבטים, איז מען נישט געווארן אזוי משעובד און פארזינקן.

**אין** אמת'ן אריין, איז דאס נישט נאר א תורה, און דאס איז נישט געווען נאר אין מצרים. אזוי אויך איז ביי אונזער דור. די תורה הקדושה איז נצחיות, און אז עס איז געווען אזוי ביי מצרים "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה איש וביתו באו", בלייבט עס אזוי בנצחיות, אין יעדע מצב און אין יעדע דור וואס כלל ישראל געפונט זיך.

**איך** ווייס נישט וויפיל עטס האט זיך אמאל אפגעגעבן צו רעדן מיט טאטע'ס און זיידע'ס וואס זענען נאך פונעם פריערדיגען דור, בפרט די וואס האבן

מיטגעלעבט די ימי הצרות ווען מען האט אויסגע׳הרג׳ט מיליאנען אידן על קידוש שמו יתברך. איך ווייס נישט וויפיל עטס האטס געגערעדט איבער דעם מיט - אדער געהערט פון - עלטערע אידן. אבער עס האט נישט קיין שיעור וויפיל אידן האבן מיר געזאגט, אז ״דאס איינע האט מיר געהאלטן אין די שווערע צייטן - אז איך האב געזעהן פאר זיך די צורה פון דעם צדיק פאר מיינע אויגען״. ״איך האב געדענקט דעם ׳שלום עליכם׳ זינגען פרייטאג-צו-נאכטס״. ״איך האב געדענקט דאס שמעקן בשמים, מיט די תנועה וואס דער רבי האט זיך אונטערגעזינגען דעמאלטס״. ״מען האט מיר געקענט שלאגן און פייניגען, אבער אז איך האב געזעהן פאר מיר די עבודה און דאס זינגען ביי די נגונים, האב איך זיך געקענט דערהייבן״. דאס האט זיי געהאלטן ביי אידישקייט. דאס האט זיי געהאלטן ביי די אמונה. דאס האט זיי געגעבן כח אנצוגיין אין די שווערע צרות.

**ווייל** ״להודיע חיבתן שנמשלו ככוכבים״. מיט די זעלבע כח וואס דער צדיק און די רבי האט דערהאלטן און מחזק געווען ביי זיין לעבן, דאס זעלבע טוט ער ווייטער, אויך ״לאחר מיתתן״. עס איז נישט קיין חילוק בין חיים חיותו אדער לאחר מיתתו. די חיבה איז די זעלבע, און זיין כח איז די זעלבע. מען קען אייביג זעהן פאר זיך די צורה און כח פונעם צדיק, כאילו מען שטייט ממש פאר איהם, און מען איז מקבל הדרכתו וברכתו והשפעתו.

**א** טאג פון א יארצייט, איז אסאך אסאך גרעסער ווי מען קען זיך פארשטעלן. עס קען פאר אונז קליינע מענטשן א גרויסע טובה טוהן. עס קען מחזק זיין דאס דאווענען, עס קען מחזק זיין דאס לערנען.

**ווער** רעדט נאך, יעצט אין די אנהויב וואכן פון שובבי״ם. בפרט אז מען דארף מער עוסק זיין תשובה צו טוהן אויף א זאך וואס מי יימר אז עס נוצט אויף דעם תשובה - אזא הארבע עבירה איז דאס (עיין זהר ח״א ריט, ב). און אויב יא, דארף עס תשובה עילאה כו׳ (עיין ראשית חכמה שער הקדושה פרק יז, ובבני יששכר מאמרי חדשי כסלו טבת מאמר יד אות ג, ובמאמרי חדש תשרי מאמר ד דרוש ג אות ט ש״הסכימו עמו בעלי הקבלה״). האבן מיר נישט קיין ריכטיגע השגה צו פארשטיין וואס א טובה עס קען זיין אט דער גרויסער הייליגער טאג, ח״י טבת, די יארצייט פונעם גרויסן צדיק און רבי, דער הייליגער בני יששכר זי״ע. מען דארף זיך אין דעם מתבונן זיין, מחזק זיין, מיט א אמונה פשוטה, מיט אן אמת׳ע התקשרות.

# יומא טבא לרבנן

**עס** איז יעצט א 'סיום' אויף מסכת קידושין וואס מען האט געלערנט פאריאר. דאס אליין פאר זיך איז א גרויסע זמן. מען בעט "לא תתנשי מינן מסכת קידושין" - זאלסט נישט פארגעסן פון אונז, "ולא תתנשי מינך" - און מיר זאלן נישט פארגעסן פון דיר, "לא בעלמי הדין ולא בעלמא דאתי", סיי אויף די וועלט און סיי "לאחר מיתתן". מען זאל אייביג בלייבן מקושר אין די גמרא תוספות פון קידושין. סיי וועלכע פרק מען כאפט אן, די סוגיא פון חליפין, די סוגיא פון שליחות, אין שליחות לדבר עבירה, שליח נעשה עד, און אזוי ווייטער, זאל מען האבן דעריין אן אייביגער קנין. מיר זאלן שטענדיג געדענקן די תורה וואס מען האט געלערנט, און אזוי ארום וועט אונז די תורה הקדושה אויך אייביג געדענקן און אונז בענטשן בכל הברכות האמורות בתורה.

# ברכת הקודש

**דער** באשעפער זאל העלפן, אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, זאל מען אסאך מער טוהן, אסאך ארבעטן און הארעווען, און זיך מייגע זיין, איש לרעהו יאמר חזק - איינער זאל מחזק זיין דעם אנדערן, און דער באשעפער וועט אונז אלע העלפן, מען זאל האבן חיזוק און סייעתא דשמיא, ספעציעל אז עס איז א יומא דהילולא. דער אויבערשטער קוקט צי יעדן בחור צו זעהן וויפיל ער איז אן עמל, און גיבט איהם די אלע שכר וואס שטייט דערויף אין די תורה (ויקרא כו, ג) "אם בחקתי תלכו וגו'" - "שתהיו עמלים בתורה" (רש"י שם ד"ה אם בחקתי). השי"ת זאל העלפן מיר זאלן אלע זיין עמלים בתורה, עס זאל דורך אונז זיין "יתגדל ויתקדש שמיה רבה", דער באשעפער'ס נאמען זאל געהייליגט ווערן אויף די וועלט, און אונז אלע צוזאמען זאלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

הוצאת
אור תורה מונקאטש